**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער בילס צו באשיצן ניו יארקער פון פארפלייצונגען וואס ווערן אפטער און מער עקסטרעם**

***אונטערגעשריבענע ביל (S.5186-A/A.5221-A) פאראדנט די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צו גיבן פריאריטעט פאר נאטור-באזירטע לייזונגען צו סטאביליזירן ברעגעס***

***אונטערגעשריבענע ביל (A.1967/S.5400) פארלאנגט דאס איבערגעבן אינפארמאציע איבער פארפלייצונג סכנה ביים קויפן הייזער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן בילס צו באשיצן ניו יארקער פון פארפלייצונגען אזוי ווי שטורעמס ווערן אן אפטערע און מער עקסטרעמע ערשיינונג. איין ביל (S.5186-A/A.5221-A) פארלאנגט פון די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צו אהערשטעלן פערמיט רעגולאציעס און אנווייזונגען אין פארבינדונג מיט נאטור-באזירטע לייזונגען פאר די סטאביליזירונג פון ברעגעס. נאך א ביל (A.1967/S.5400) פארלאנגט פארקויפער צו איינמעלדן פאר היים קויפער אויב א פראפערטי געפונט זיך אין א געגנט וואס איז אין סכנה פון פארפלייצונג אדער איז אין די פארגאנגענהייט פארפלייצט געווארן. די ביל שטרייכט אונטער גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו קלימאט-שטאנדהאפטיגקייט און צו די זיכערהייט פון ניו יארקער.

"דער היינטיגע טאג צייכנט אפ א באדייטפולע טריט פאראויס אין אונזער מיסיע צו באשיצן ניו יארקער פון די השפעות פון קלימאט טויש און פון עקסטרעמע וועטער פאסירונגען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ביל הייבט ארויס אונזער פארפליכטונג צו אויפרעכטן נאטור פלעצער ארום די ברעגעס וואו פלאנצונגען און ארטיגע באשעפענישן האלטן זיך אויף און זענען די בעסטע נאטורליכע מויער קעגן עקסטרעמע פארפלייצונגען און צו באהיטן ניו יארקער פון די לאנג-טערמיניגע סכנות פון פארפלייצונג."

איין ביל (S.5186-A/A.5221-A) מאכט אן ענדערונג צו דעם ענווייראמענטאלע אפהיטונג געזעץ צו פארלאנגען אז די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) זאל אויטאריזירן און מוטיגן די באנוץ מיט נאטור-באזירטע לייזונגען צו סטאביליזירן ברעגעס אין די סטעיט וואס קענען פארשוועמט ווערן מיט כוואליעס, און אזוי אויך פארלאנגט די ביל אז אזעלכע סארט לייזונגען זאלן גענומען ווערן אין באטראכט ביים באקאנט מאכן און איינפירן די כללים און רעגולאציעס וואס באציהען זיך צו די נושא.

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מעיער האט געזאגט,** "נאך האריקאן איידע האבן פילע בירגער אין מיין דיסטריקט זיך געוואנדן צו מיר פאר הילף מיט שאדנס פון די פארפלייצונג. איך בין געווען פרייליך אז מיין אפיס האט געקענט העלפן די יחידים, אבער די סיסטעמאטישע ווירקונג פון קלימאט טויש פארלאנגט צו טוהן פיל מער. שטייענדיג קעגן א העכערע סכנה פון פארפלייצונגען און קלימאט טויש-פארבינדענע

סכנות, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן אונטערנעמען מאסנאמען זיך צו באווארענען פון פאראויס. ברעגעס וואס האבן לעבעדיגע פלאנצונגען און באשעפענישן קענען באשיצן קעגן פארפלייצונגען, פארבעסערן די קוואליטעט פון די וואסער און פארשטערקערן אונזער באפעסטיגונג. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פארן ארייננשרייבן די וויכטיגע ביל אין געזעץ. איך וויל אויך באדאנקען מיין קאלעגע, אסעמבלימאן סטיוו אָטיס, פארן קעמפן פאר די ביל אין די אסעמבלי, און אזוי אויך וויל איך באדאנקען די ארגאניזאציעס Save the Sound און Riverkeeper פאר זייער ארבעט וואס האט אינספירירט די ביל אין זייערע באמיאונגען צו באקעמפן קלימאט טויש און פארן ארבעטן מיט מיין אפיס אויף די ביל."

**אסעמבלי מיטגליד סטיווען אָטיס האט געזאגט,** "די פרינציפן פון א לעבעדיגע ברעגע זענען גאר וויכטיג צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון ברעגעס, רעדוצירן די השפעות פון פארפלייצונג, פארמיידן אפשווענקונג פון ברעגעס און באשיצן נאטורליכע פלעצער וואו פלאנצונגען און באשעפענישן לעבן. מיינע דאנקן גייען פאר גאווערנער קעטי האקול, די NYS דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג, Riverkeeper, The Nature Conservancy, Save the Sound און אנדערע ענווייראמענטאלע גרופעס וועלכע שטיצן די וויכטיגע פאליסיס. עס איז א וויכטיגע ביל פאר קאמיוניטיס אויף די ברעגעס וואס וועט העלפן שטופן פאר נאטור-באזירטע פאליסיס אין א צייט ווען פעסטע סטאנדארטן פעהלן אויס."

נאך א ביל (A.1967/S.5400) שטעלט אוועק א רעכט פאר הייס קויפער צו וויסן איבער פארפלייצונג סכנות. אין די פארגאנגענהייט האבן פארקויפער געקענט באשליסן צו גיבן פאר דעם קונה א $500 קרעדיט ביים שליסן די געשעפט, און דאס האט אוועקגענומען די פאדערונג צו איבערגעבן די אינפארמאציע איבער די פארפלייצונג סכנה. די ביל עלימינירט די קרעדיט סעיף און פארלאנגט אז די אינפארמאציע זאל ארויסגעגעבן ווערן איבער פארפלייצונג סכנה, פארפלייצונג היסטאריע און פארפלייצונג אינשורענס ביי יעדע ריעל עסטעיט פראפערטי אריבערפירונג געשעפט.

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "דורכאויס 'קלימאט וואך' NYC זענען מיר מקדיש באזונדערע מחשבה פאר די חורבנות-אנזייענדע ווירקונגען פון דעם קלימאט קריזיס אין אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג עקסטרעמע וועטער פאסירונגען ווי פארפלייצונגען. אין אנטווארט צו די נייע מציאות, פארלאנגט אונזער פארפלייצונג אינפארמאציע איבערגעבונג ביל וואס ווערט היינט אונטערגעשריבן אז פארפלייצונג סכנה אינפארמאציע זאל איבערגעגעבן ווערן פאר הייס קויפער, גיבנדיג זיי די נויטיגע כלים צו מאכן א געשעפט האבנדיג אלע אינפארמאציע. איך בין גאר דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול פארן אונטערשרייבן די ביל דורכאויס קלימאט וואך, צוזאמען מיט סענאט פירערין ענדריא סטוּערט-קאָזינס און דער אסעמבלי ספאנסאר פון די ביל, באבי קעראל."

**אסעמבלי מיטגליד ראבערט קעראל האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר ארבעטן צו באקעמפן קלימאט טויש, דארפן מיר אויך אונטערנעמען מאסנאמען אין אנטווארט צו די שאדן וואס עס פאראורזאכט. איך בין פרייליך צו זעהן גאווערנער האקול אונטערשרייבנדיג מיין ביל, A.1967/S.5400, וואס וועט העלפן ניו יארקער דורכן זיכער מאכן אז זיי האבן די אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו קענען אמבעסטן באשיצן זייערע היימער קעגן פארפלייצונגען אין די צייט ווען זיי קויפן א היים."

**Riverkeeper סיניאר מענעדזשער פון רעגירונג אנגעלעגנהייטן, דזשערמי טשערסאן, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אונטערשריפט פון דעם לעבעדיגע ברעגעס געזעץ און די פארפלייצונג סכנה אינפארמאציע ארויסגעבונג ביל צייכנט אפ א גרויסע טריט פאראויס פאר קלימאט שטאנדהאפטיגקייט אין ניו יארק סטעיט. פאראנטווארטליכע פארוואלטונג פון די ברעגעס לענגאויס וואסערן מיט כוואליעס, ווי פארגעשטעלט אין דעם לעבעדיגע ברעגעס געזעץ, וועט העלפן זיכער מאכן אז באשלוסן וואס ווערן געמאכט איבער דאס ארויסגעבן פערמיטס שטיצן די געדאנק פון נאטורליכע ברעגעס וואס ערמעגליכן פלאנצונגען און באשעפענישן צו לעבן דארט און אזוי אויך באשיצן קאמיוניטיס

פון פארפלייצונג. מיט די פארפלייצונג סכנה אינפארמאציע ארויסגעבונג ביל וועט ניו יארק פארמערן די אפנקייט ארום קלימאט סכנה אין אונזער ריעל עסטעיט מארקעט, באפולמעכטיגנדיג היים קויפער מיט אינפארמאציע איבער די פארפלייצונג סכנה אויף זייער פאטענציאלע פּראפּערטי. א דאנק אייך גאווערנער האקול פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון אונזערע ברעגעס ביים שטיצן פילפארביגקייט פון באשעפענישן און בליהענדע קאמיוניטיס און אזוי אויך מיט אייער פארפליכטונג צו קלימאט סכנה אפנקייט."

**Save the Sound וויצע פרעזידענט פון וואסער באשיצונג, דעיוויד ענסעל, האט געזאגט,** "נאך עטליכע יאר פון ארבעט זענען מיר באגייסטערט צו זעהן די לעבעדיגע ברעגעס און פארפלייצונג סכנה אפנקייט בילס ווערנדיג געזעצן. די גאווערנער'ס אונטערשריפט און די איבערוויגנדע שטיצע אין די לעגיסלאטור ווייזן אז ניו יארק'ס פירער פארשטייען אז מיר מוזן אונטערנעמען שריט זיך צו צופאסן צו די שטערקערע שטורעמעס און וואקסנדע ים שטאפלען פון קלימאט טויש. דאס זיך באנוצן מיט נאטורליכע אייגנשאפטן ווי ארטיגע וויזע גראזן און 'ריפּס' פון שעלפיש – אנשטאט הארטע סטרוקטורן ווי ים מויערן – בענעפיטירט קאמיוניטיס אויף די ברעגעס, די ווילדע פלאנצונגען און באשעפענישן און אויך די וואסער קוואליטעט. דאס פארזיכערן אפנקייט איבער פארפלייצונג סכנות העלפט אייצלנע מענטשן און קאמיוניטיס צו מאכן קלוגע באשלוסן איבער זייער צוקונפט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און די ספּאנסארס פון די בילס פאר זייער פירערשאפט. יעצט קוקן מיר ארויס צו ארבעטן מיט שותפים אריבער די ראיאן צו פארווירקליכן די צוזאג פון די בילס צו ברענגען געזונטערע און מער באפעסטיגטע ברעגעס און קאמיוניטיס."

**Sierra Club Atlantic Chapter אפּהיטונג דירעקטאר, ראדזשער דאַונס, האט געזאגט,** "עס איז נישט קיין ספק אז די שאדנס פון קלימאט טויש וועלן פארזעצן צו שלאגן ניו יארק'ס ברעגעס און אינערליכע וואסער שטרוימען מיט מער און מער ערנסטע פארפלייצונגען און שטורעמעס. פרואוון צו פאראהארטעווען אונזערע ברעגעס מיט טייערע ים מויערן וועלן בלויז פארערגערן די פראבלעם פון אפשווענקונג, אזוי ווי ארויפלייגן הארטע ווענט שאקלט אויף די ארומיגע פּראפּערטי, ברעגעס און שטיינער. מיר אפלאדירן סענטארשע מעיער און אסעמבלי מיטגליד אָטיס פארן אוועקשטעלן א פלאן צו גיבן פריאריטעט פאר נאטור-באזירטע לייזונגען פאר הויכע וואסער שטאפלען און פארפלייצונגען. און מיט איר אונטערשריפט אויף דעם געזעץ, בויט גאווערנער האקול ארויף אויף א מסורה פון אינספירירטע אחריות'דיגקייט פאר די עקאלאגישע סיסטעמען וואס האט זיך אנגעהויבן מיט דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגן באַנד געזעץ און נייע ברייטע נאסע לענדער באשיצונגען —ביידע אויסגעשטעלט מיט די פארשטאנד אז ניו יארק וועט זיין די מערסטע שטאנדהאפטיג קעגן קלימאט טויש אויב מיר וועלן באשיצן און באררייכערן די רייע עקאלאגישע סיסטמען וואס באשיצן אונז."

**Natural Resources Defense Council אטוירני פאר וואסער איניציאטיוון, דזשאועל סקאטא, האט געזאגט,** "צופיל היים אייגנטימער ווערן געוואויר איבער זייער פראפערטי'ס אויסגעשטעלטקייט צו פארפלייצונג נאר נאכן ליידן פון מערערע קאטאסטראפעס. דאס איז די סיבה פארוואס ניו יארק סטעיט'ס באשלוס צו פארלאנגען דאס ארויסגעבן די אינפארמאציע איבער די סכנות איז אזוי וויכטיג. די ביל גייט א לאנגע וועג צו העלפן גיבן פאר היים קויפער די אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו מאכן קלוגע באשלוסן איבער איינס פון די גרעסטע פינאנציעלע אינוועסטירונגען פון זייערע לעבנס — זייער היים. אין 2021 אין ניו יארק זענען 7,645 היימער געקויפט געווארן וועלכע זענען געשאצט געווארן צו האבן פארפלייצט געווארן אין די פארגאנגענהייט; און די געשאצטע יערליכע פארפלייצונג שאדנס פאר די פארקויפטע היימער איז איבער 23 מיליאן דאלאר."

**ניו יארק פאליסי און סטראטעגיע דירעקטארין פאר The Nature Conservancy, דזשעסיקע אטני מאהאר, האט געזאגט,** "The Nature Conservancy לויבט אויס גאווערנער האקול פארן אריבערפירן א ביל וואס אנערקענט די וויכטיגקייט פון ארבעטן מיט די נאטור – פון ברעגעס און זאמדיגע לענדער ביז

זומפיגע לענדער ארום פרישע וואסער שטרוימען און וויזעס – צו באשיצן מענטשן, ווילדע באשעפענישן און פלאנצונגען און אינפראסטרוקטור אין אונזער טוישנדע קלימאט. נאטור-איבערגעדעקטע ברעגעס זענען א קריטישע טייל פונעם פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן און קאמיוניטי זיכערהייט און שטעט און שטעטלעך אריבער ניו יארק סטעיט. The Nature Conservancy אפלאדירט די ביל ספאנסארס, סענטארשע מעיער און אסעמבלי מיטגליד אָטיס, פאר זייער איבערגעגעבנקייט און פירערשאפט אויף די וויכטיגע נושא."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן